# באשיצט אייך פון שווינדל און סקעמס

אייער בעסטע באשיצונג קעגן שווינדל און סקעמס איז צו זיין אינפארמירט! אנגעהויבן ווּפ פרילינג 2023, וועט ניו יארק סטעיט פארזעצן בארעכטיגקייט איבערזיכטן און באנייאונגען פאר מענטשן איינגעשריבן אין Medicaid, Child Health Plus, אדער the Essential Plan. באטש איר וועט מעגליך דארפן נעמען שריט צו באנייען אייער העלט אינשורענס אדער די אינשורענס פון אייער פאמיליע מיטגלידער, זאלט איר זאגן ניין פאר סקעמערס וואס קענען פרובירן צו נעמען געלט פון אייך אויף צו באנייען אייער העלט אינשורענס. באזוכט [nystateofhealth.ny.gov](nystateofhealth.ny.gov) אדער [health.ny.gov/medicaid](health.ny.gov/medicaid) צו לערנען וויאזוי צו באנייען אייער העלט אינשורענס.

**פאלגנד זענען עטליכע זאכן צו געדענקען אייך צו העלפן זיך באשיצן:**

- קיינער מעג קיינמאל נישט נעמען געלט פון אייך אויף צו באנייען אייער העלט אינשורענס אין Medicaid, Child Health Plus, אדער the Essential Plan.
  - אויב איר האט זיך איינגעשריבן אין העלט אינשורענס דורך ניו יארק סטעיט אוו העלט, זענען אסאך מענטשן גרייט אייך צו העלפן עס באנייען אומזיסט. דאס נעמט אריין ניו יארק סטעיט אוו העלט באשטעטיגטע איינשרייבונג העלפערס (ארייגערעכנט וועגווייזערס, אגענטן, און מעקלערס) און קאסטומער סערוויס פארשטייער. געפינט הילף אויף [nystateofhealth.ny.gov](nystateofhealth.ny.gov) אדער **1-855-355-5777**.
  - אויב איר זענט איינגעשריבן אין Medicaid דורך **[אייער קאונטי'ס Medicaid אפיס אדער דורך ניו יארק סיטי'ס יומען רעסורסעס אדמיניסטראציע (Human Resources Administration, HRA)](#)**, זענען אויך דא אסאך מענטשן וועלכע זענען גרייט אייך צו העלפן אומזיסט. פארבינדט זיך מיט'ן אפיס וואו איר האט זיך איינגעשריבן צו פרעגן פראגעס און באקומען הילף מיט באנייען אייער אינשורענס.
- האלט אייער פערזענליכע אינפארמאציע פריוואט. געבט בלויז איבער אינפארמאציע וואס ִיז טגיטיוו אויף צו באנייען מיט איינער וואס איר ווייסט איז אדער:
  - א [ניו יארק סטעיט אוו העלט באשטעטיגטע איינשרייבונג העלפער](#) אדער קאסטומער סערוויס פארשטייער;
  - אן [איפגעגומענע איינשרייבער פאר די עלטערע, בלינדע און באגרעניצטע](#);
  - אדער אן ארבעטער פון [אייער קאונטי'ס Medicaid אפיס אדער HRA](#).
- רעגירונג אגענטורן וועלן אייך קיינמאל נישט סטראשען, פארלאנגען געלט פון אייך, אדער בעטן פאר קרעדיט אינפארמאציע אין א טעקסט מעסעדזש אדער אויפ'ן טעלעפאן.
- מאכט זיכער אז איר זעט די אפיציעלע ניו יארק סטעיט אוו העלט אדער Medicaid לאגאס (אויבן פונעם בלאט) אדער די לאגא פון אייער [קאונטי'ס Medicaid אפיס אדער HRA](#) איידער איר פולט אויס סיי וועלכע פארמס.
- באריכט פארדעכטיגטע שווינדל.
  - רופט די ניו יארק סטעיט אוו העלט קאסטומער סערוויס צענטער אויף **1-855-355-5777**. TTY באנוצערס זאלן רופן **1-800-662-1220**.
  - רופט אייער קאונטי'ס Medicaid אפיס אדער HRA אויפ'ן טעלעפאן נומער וואס שטייט אויף [health.ny.gov/medicaid](health.ny.gov/medicaid).
  - פארבינדט זיך מיט'ן ניו יארק סטעיט אטורני דזשענערעל'ס העלט קעיר הילפליניע אויף **1-800-428-9071** אדער די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס קונה האטליין אויף **1-800-342-3736**.

**אויב איר זענט מער נישט בארעכטיגט פאר Medicaid, קענט איר טרעפן אנדערע ביליגע העלט אינשורענס דורך ניו יארק סטעיט אוו העלט.  באשיצט אייך פון סקעמס און פון מענטשן וועלכע ןלעטש זיך רעהא צו זיין פון ניו יארק סטעיט אוו העלט.**

## זייט אינפארמירט:

- ניו יארק סטעיט אוו העלט האט טרעניירטע עקספערטן וועלכע געבן אומזיסטע הילף מיט באקומען די העלט פלאן וואס איז פאסיג פאר אייך.  איר קענט בעטן הילף פון די קאסטומער סערוויס צענטער אויף **1-855-355-5777** (TTY: 1-800-662-1220).  איר קענט אויך טרעפן ארטיגע באשטעטיגטע וועגווייזערס, אגענטן, מעקלער און אנדערע איינשרייבונג העלפערס וועלכע געבן אומזיסטע הילף אויף **nystateofhealth.ny.gov**.
- קיינער קען נישט נעמען געלט פון אייך פאר זיך איינשרייבן אין העלט אינשורענס דורך ניו יארק סטעיט אוו העלט. באשטעטיגטע וועגווייזערס, אגענטן, מעקלער און באשטעטיגטע אפליקאציע ארויסהעלפער וועלן אייך נישט בעטן פאר געלט זיך צו איינשרייבן אין א העלט פלאן.  זייט פארדעכטיגט פון אלע וואס בעטן אייך פאר געלט אין פארבינדונג מיט'ן זיך איינשרייבן.

## באשיצט אייער פערזענליכע אינפארמאציע:

- העלט פערזענליכע און אקאונט נומערן פריוואט. געבט נישט ארויס אייער קרעדיט קארטל אדער באנק אינפארמאציע פאר פירמעס וואס איר האט נישט אליינס גערופן אדער אין רעאקציע צו אומערווארטעטע אדווערטייזמענטס.

  **באמערקונג:** אויב איר באקומט הילף פון די ניו יארק סטעיט אוו העלט קאסטומער סערוויס צענטער אדער א באשטעטיגטע איינשרייבונג העלפער, וועלן זיי מעגליך דארפן געוויסע פערזענליכע אינפארמאציע אזויווי אייער סאושעל סעקיוריטי נומער אייך צו העלפן זיך איינשרייבן.

- געבט קיינמאל נישט אייער פערזענליכע אינפארמאציע פאר איינער וואס רופט אייך, טעקסט אייך, אדער קומט צו אייער שטוב אן אייער ערלויבעניש, אפילו אויב זיי זאגן אז זיי זענען פון ניו יארק סטעיט אוו העלט.

## פרעגט פראגעס און באשטעטיגט די ענטפערס וואס איר באקומט:

- פרעגט פראגעס אויב סיי וועלכע אינפארמאציע איז נישט קלאר אדער צומישט אייך.
- שרייבט אראפ און האלט א רעקארד פון די נעמען פון יעדער וואס העלפט אייך ארויס, וועם זיי ארבעטן פאר, טעלעפאן נומער, גאס אדרעס, פאסט אדרעס, אימעיל אדרעס, און וועבסייט.
- שרייבט קיינמאל נישט אונטער עפעס וואס איר פארשטייט נישט אינגאנצן.